# חנוכה

וואונדער פון מיין קינדהייט פון מיין פריסטער,
פון באַוואוסטזיין פון אַן ערשט־דערוואַכטן;
ליכטער פון אַ וועלט אַ לאַנג־פאַרוויסטער,
ליבע פרייד פון חנוכה־ביינאַכטן.

רייסט דער ווינט די דובעלט־שויבן,
וואו דער טאַטע קוקט געהויבן,
מיטן שמש־ליכט, אַ גרייטער,
קוקט אין נאַכט אין שניי־פאַרווייטער,
אויפן חושך אויפן בלינדן,
בענטשט און נעמט די ליכטלעך צינדן.

פאַלט פון זיי דער שיין דער דינסטער,
צוקט און שפּילט אויף די גזיכטער,
ווען ביים פענצטער, אין דער פינצטער,
דרייט אַ פּחד אַ געדיכטער.
פילט מיין רוקן נאָך די סקרובעס,
ווי עס בושעווען אין פענצטער,
אין דער יום טוב־שעה דער שענסטער,
טויזנט רוחות, זאַווערובעס.

לויכט מיר די אנטציקונג נאָך אין האַרצן,
ווי דער טאַטע זינגט צום בייזן דרויסן,
וואו דער קלויסטער טוט אַנטקעגן שוואַרצן
און ניט־גוטע יאָגן זיך און שטויסן.

טוט מיין האַרץ די פרייד געדענקען,
ווי דער טאַטע פלעגט מיר שענקען,
זינגענדיק אַזוי, אַ דריידל,
און פאַרשמייעט, שטיל און איידל,
פלעגט פון קיך די מאַמע שיקן
שמייכלען, שיינען, שמחה־בליקן.

איז פאַרטאָן, ווי איך, דער טאַטע
אין דער בלייענער זאַבאַווע,
ווי דאָס דריידל דאָס פּוזאַטע,
וויגט זיך, שאָקלט זיך טשיקאַווע,
שטעלט זיך, ווי אַ איד אַ פרומער,
שמונה עשרה אַלץ און ווידער,
ביז עס פאַלט צום סוף אַנידער
אין פאַרחלשטקייט אין שטומער.

נעמט דער טאַטע האָפּערדיק דערקלערן
יעדן אות ביים דריידל אויף די זייטן,
און איך טו געשפּאַנט די מעשה הערן
פון דעם נס, וואָס איז געשען פאַרצייטן.

הער איך דרויסן די יללות,
ווי אַנטיוכס'עס חילות
שטורעמען דורך אַלע שפּאַלטן
און באַפאַלן אונז מיט גוואַלטן —
זיי, די שטאַרקע און די שלעכטע,
מיר, די שוואַכע און גערעכטע.

און די ליכטלעך ברענען, ברענען,
ווי אַ לויכטנדיקער צייכן,

אַז קיין רוח וועט ניט קענען
אויך אויף ווייטער אונז דערגרייכן —
ווען פון חושך פון דעם ווייסן
אָטעמען מיט פראָסט די שונאים,
די צעיושעטע „יונים״,
און זיי שפּאַרן זיך און רייסן.

רעדט דער טאַטע פון די חשמונאים,
ווי זיי האָבן, גרוים אין זייער האָפן,
זיך געשטעלט אַנטקעגן די רשעים,
און עס האָט דער גרויסער נס געטראָפן.

טראָגט זיך פון אַ וועלט אַ ווייטער,
ווי אַ פייערדיקער רייטער,
און עס בלאַנקט פון אַלע זייטן
די געשיכטע פון פאַרצייטן;
קומט דורך נאַכט און ווינט און שנייען,
טוט זיך פאַר די ליכטלעך דרייען.

לויפט אַוועק פון גאַס דער ליארעם,
ווי אַ וואונדער־מעשה ריכטיק,
און אין מיטן פראָסט ווערט וואַרעם,
און אין מיטן נאַכט ווערט ליכטיק;
טוט דעם גאַנצן אָוונט בלאַנקען
אַלץ דער נס, וואָס האָט געטראָפן,
ביז איך פאַל אַנידער שלאָפן
מיטן וואונדער אין געדאַנקען.

און אויף מאָרגן רייסט מיר אויף די אויגן,
דורכן פראָסט־שויב פינקלענדיק, דער וואונדער,

גליט מיט יעדער פאַרב פון רעגנבויגן,
שפּילט אין יעדן זון־שטויבל באַזונדער.

און איך לאָז זיך מיטן קוכן
אויפן גאַס די רוחות זוכן;
זע איך נאָר אַ שניי אַ ריינעם
און קיין סימן ניט פון קיינעם;
טוט עס בליצן, טוט עס בלענדן,
וואו איך טו מיין בליק נאָר ווענדן.

נעם איך אים, דעם נס, דערוואַרטן
אין דער וואונדער־וועלט אַנטקעגן,
ווי ער גייט אין שניי אין צאַרטן
אויף די זון־פאַרפלייצטע וועגן;
קומט ער היינט צו אונז נאָך ווייטער,
פאַר די ליכטלעך זיך צו דרייען —
קומט דורך נאַכט און ווינט און שנייען,
ווי אַ פייערדיקער רייטער?

וואונדער פון מיין קינדהייט פון מיין פריסטער,
פון באַוואוסטזיין פון אַן ערשט־דערוואַכטן;
ליכטער פון אַ וועלט אַ לאַנג־פאַרוויסטער,
ליבע פרייד פון חנוכה־ביינאַכטן.

ניו יאָרק, 1932.